בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר׳ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

תשפ״ז

414

## לשליחת מכתבים ושאלות
## אל הראש ישיבה שליט"א

**בדואר:**

MECHON ATZUSOI EMINU
PO BOX: 646
LIBERTY, NY 12754-9998

**או דרך:**

HTTPS://BRESLEVCENTER.COM/ANSWERS

**להרשמה לקבלת המכתב היומי במייל:**

CHIZIKYOMI@RABBIROTH.ORG

## להשתתפות וליטול חלק

בקונטרסים השבועיים או בשאר ספרי
המכון, המאירים את בתיהם
של אלפי יהודים

התקשרו אל הגבאי
מוה"ר **משה גראס** שליט"א
053-316-3399

בארה"ב ניתן להתקשר אל הגבאי
מוה"ר **לייבי ראטה** הי"ו
347-578-4449

או שלחו מייל לכתובת
DONATE@KERENHADFUSA.ORG

הוצאת ספרי רבינו זכותו יגן עלינו
מכון עצתו אמונה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וִוי אַזוֹי קוּקְט מֶען גוּט אוֹיפְן לֶעבְּן? ........................ א
הָאט מֶען שׁוֹין אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוֹיף מִיר? ........................ ג


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


בַּאנֵייעֶן אוּנְזֶער קֶשֶׁר ........................ א
נִישְׁט מְסוּדָּר'דִיגֶע תְּפִלּוֹת, אֲפִילוּ אָן טַעַם, אָן שְׁפִּירְן ........................ ב
רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי מְפִיצִים ........................ ב
עֶפֶּעס אִינֶעוֵוייניִג אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ ........................ ג
וִוי אַזוֹי וִוילְסְטוּ דַיין קִינְד זָאל רֶעדְן מִיט דִיר? ........................ ד
וֶוען דֶער בַּעַל הַבַּיִת שְׁרֵייט ........................ ה
וַואלֶעגְטִירְן צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ ........................ ו
אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי נִישְׁט כָּשֵׁר'ע טֶעלֶעפָאן פוּן שְׁטוּבּ ........................ ז
פוּן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט ........................ ז
אוֹיסֶער דִי חַבְרוּתוֹת, אוֹיךְ זָאגְן תּוֹדָה אָן פַארְשְׁטֵיין ........................ ט
נִישְׁטָא קֵיין גֶעכְטְן אוּן מָארְגְן, הַיינְט אִיז דַיין גֶעבּוּרְטְס טָאג ........................ ט
גֶעבּ אַ טִיפּ פַאר דַיינֶע קִינְדֶערְ'ס טִיטְשֶׁערְס אוּן מְלַמְּדִים ........................ י
מַאכְן קוּנְטְרֵסִים? ........................ יב
טֵייל אָפּ דַיין אָפִיס, דַיין פַּרְנָסָה, פוּן דַיין שְׁטוּבּ ........................ יב
עֶס וֶוערְט אַרִיבֶּערְגֵיין דִי שְׁוֶוערֶע צַייט ........................ יג
פַארְקוֹיפְן דֶעם דִיאַמַאנְט רִינְגְל? ........................ יד

דֶעפְּרֶעסְיֶע אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ.................................................יד
דִי קוּנְץ אִיז אוֹיפְצוּזוּכְן דָאס גוּטְס.................................................טו
פַארְמַאךְ דַיין טֶעלֶעפָאן, אוּן עֶפְן דַיין הַארְץ ..................................טו
אַפָאר וִויכְטִיגֶע פּוּנְקְטְן צוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין דִי גֶעשֶעפְטְן ...................טז
אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי וָואס שְפֶּעטְן פוּן דִי תְּמִימוּת פוּן צַדִיקֵי אֱמֶת........יח
וִויכְטִיג צוּ קֶענֶען דִי הֲלָכוֹת פוּן בִּרְכַּת הַנֶהֱנִין.................................יח
הֶעלְפְן אִין שוּל; רֵיינִיגְן, סְפָּאנְדְזְשֶען אוּן פַארְרֶעכְטְן ...................... יט
קֶענְסְט תְּשוּבָה טוּן .....................................................................כ
מִיט אַ מַתָּנָה קֶען מֶען נִישְט אִיבֶּערְבֶּעטְן .........................................כא
אַנְשְטָאט הָאבְן טַעֲנוֹת, וָואלְסְטוּ גֶעדַארְפְט מַכִּיר טוֹבָה זַיין ...................כג
רוֹב קִינְדֶער וֵוייסְן נִישְט דִי חֲשִיבוּת אוּן הֵיילִיגְקֵייט פוּן אַ מַאמֶע ...........כג
דֶערְמַאנֶען נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים, קֶען טוּישְן דִי טֶבַע ..............................כד
פַארְוָואס ווִילְסְטוּ עֶנְדִיגְן דַיין לֶעבְן?.................................................כה
אַז מֶען עֶסְט חֲזִיר, זָאל עֶס נִישְט רִינֶען אוֹיפְן בָּארְד ...........................כז
חוּמְרוֹת נֶעמְט אַוֶועק דֶעם מֶענְטְש פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְטְן ............................כח
צֶעפְּלִיקְטֶע נְשָמוֹת קוּמֶען פוּן שְטִיבֶּער וואוּ עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ...............ל
פַארְהֶער נִישְט דַיינֶע קִינְדֶער.........................................................לא

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווִי אַזוֹי קוּקְט מֶען גוּט אוֹיפְן לֶעבְּן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ שֵׁיינֶע בְּרִיוו אַז דָאס לֶעבְּן לִיגְט נָאר אִין מַיינֶע הֶענְט, עֶס אִיז נִישְׁט דִי מַאן אוּן דִי קִינְדֶער, עֶס אִיז נִישְׁט דִי שְׁכֵנִים אוּן אַנְדֶערֶע, עֶס אִיז נָאר אַז אִיךְ אַלֵיין דַארְף אָנְהוֹיבְּן קוּקְן גוּט אוֹיפְן לֶעבְּן, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט מִיר וֶוערְן גוּט אִין לֶעבְּן; אִיךְ וֵוייס אָבֶער נִישְׁט וָואס צוּ טוּן צוּ וֶוערְן פְּרֵיילִיךְ.

אַסַאךְ מָאל שְׁפִּיר אִיךְ זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ פִּיל אַז קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער, קֵיינֶעם אִינְטֶערֶעסִירְט נִישְׁט וָואס אִיךְ לַייד.

אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ פְּרוּבִּיר אַזוֹי שְׁטַארְק אִים צוּ דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס לִיגְט מִיר אוֹיפְן הַארְץ, אָבֶער אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט אַלֶעמָאל ווִי מֶען הֶערְט מִיר אוֹיס, חַס וְשָׁלוֹם, אוּן דָאס מַאכְט אַז אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַלֶעס אוֹיסְרֶעדְן.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר שְׁרַייבְּן אַ תְּפִלָּה צוּ קֶענֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ, צוּ קוּקְן גוּט אוֹיף מַיין לֶעבְּן, צוּ קוּקְן גוּט אוֹיף מַיין מַאן, נִישְׁט צוּ מְקַנֵּא זַיין אַ צְווֵייטְן, נִישְׁט פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּצוּגְלַייכְן צוּ אַ צְווֵייטְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר מִיר פִּירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג, יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן מִיר לָאזְן דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס שְׁטֶערְט מִיךְ, אָן דַארְפְן מוֹרָא הָאבְּן צוּ וֶוערְן אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן אוּן אַרָאפְּגֶעקוּקְט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דָא הָאט אִיר אַ תְּפִלָּה אוֹיף שִׂמְחָה, בֶּעטְס דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג אוּן אֲפִילוּ אַפָּאר מָאל אַ טָאג, בִּיז אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. מוֹהֲרַ"ש זָאגְט, אַנְשְׁטָאט צוּ בֶּעטְן בַּאזוּנְדֶער אוֹיף פְּרָאבְּלֶעמֶען - זָאל מֶען בֶּעטְן דֶער עִיקָר אוֹיף שִׂמְחָה, וֶועלְן מִמֵּילָא אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אַוֶועק פַאלְן.

אוֹיךְ אִיז וִויכְטִיג צוּ וִויסְן אַז דָאס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין טָאג, מֶען דַארְף הָאבְּן סַבְלָנוּת, בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְטְרַייבְּן דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה.

דָא הָאט אִיר דִי תְּפִלָּה:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין אַלֶע מַיינֶע אֵבָרִים, פוּן קָאפּ בִּיז פִּיס; בִּיז אִיךְ וֶועל זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ וֶועל אָנְהוֹיבְּן טַאנְצְן פוּן גְרוֹיס פְרֵייד אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז דוּ הָאסְט מִיךְ בַּאשַׁאפְן אַ אִיד אוּן מִיר גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר אוּן נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי בִּיטֶערְקֵייט אוּן פוּילְקֵייט, נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי דֶעפְּרֶעסְיֶע אוּן שְׁוַוארְצֶע וָואלְקֶענֶעס, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אִיךְ זָאל פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, אוּן בִּזְכוּת שִׂמְחָה זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין נִכְלָל וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִין דִיר, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט זֶען פַאר מַיינֶע אוֹיגְן נָאר דִיךְ בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ זָאל זֶען אוּן שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט אַלֶעס אוּן עֶס אִיז מֶער גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דוּ אַלֵיין, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הָאט מֶען שׁוֹין אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוֹיף מִיר?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

וִוי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין? דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מִיךְ בֶּאֱמֶת טְרַאכְטְן אַז אִיךְ בִּין דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיךְ נִישְׁט דֶערְלַיידְן, אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיךְ נִישְׁט לִיבּ, אוּן אַז דִי אַלֶע חִיזוּק בְּרִיוו וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אִיז נָאר גֶעוֶוען פַאר דֶעמָאלְט וֶוען אִיךְ בִּין נָאךְ גֶעוֶוען גוּט, אָבֶּער יֶעצְט הָאט שׁוֹין דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוֹיף מִיר.

אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיפְהֶערְן טְרַאכְטְן דִי נַארִישֶׁע מַחֲשָׁבוֹת, אַוֶּועקְוָוארְפְן דִי אַלֶע נַארִישֶׁע חָכְמוֹת, וִוי אַזוֹי טוּט מֶען דָאס?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ...**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס אִיז דִי וֶועג פוּנֶעם סמֶ"ךְ מֶ"ם, עֶר טוּט צֶעבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל טְרַאכְטְן אוֹיף זִיךְ שְׁלֶעכְט אוּן מֵיינֶען אַז עֶר אִיז פַארְפַיינְטֶעט אוּן פַארְהַאסְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בְּרֶענְגְט כָּל מִינֵי רְאָיוֹת אַז עֶר אִיז שׁוֹין פַארְפַאלְן אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים חַס וְשָׁלוֹם אוּן אַז דִי צַדִיקִים קֶענֶען אִים נִישְׁט דֶערְלַיידְן.

נִישְׁט נָאר בַּיי דִיר אִיז דָא דִי מַחֲשָׁבוֹת, אַלֶע גֵייעֶן דָאס אַרִיבֶּער, אוֹיךְ בַּיים רֶבִּי"ן זֶענֶען דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים דָאס אַרִיבֶּער, אוֹיךְ מוֹהֲרְנַ"ת הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען זַיין טַאטֶע הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן שְׁטוּבּ אוּן זַיין וַוייבּ הָאט אִים אוֹיסְגֶעשְׁפַּארְט, אִיז אִים גֶעוֶוען דָאס שְׁוֶוערְסְטֶע צוּ נֶעמֶען דִי נִישְׁט גוּטֶע גֶעפִיל כְּאִילוּ דֶער רֶבִּי אַלֵיינְס אִיז אִים מְרַחֵק, דָאס אִיז אִים גֶעוֶוען דָאס שְׁוֶוערְסְטֶע. אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי יוּדְל פוּן דַאשׁוּב, אוּן וֶוען דֶער רֶבִּי יוּדְל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם

הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז עֶר אוֹיךְ פַּארְדְרֵייט גֶעוָוארְן מִיט דִי מַחֲשָׁבוֹת אַז דֶער רֶבִּי אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים, רֶבִּי יוּדְל הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דָאס קוּמְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס טוּט אַלֶע פְּעוּלוֹת צוּ מְרַחֵק זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם צַדִיק, הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט אַריין צוּ גֵיין צוּם רֶבִּי'ן, נָאךְ דְרֵיי טֶעג הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן פוּן זֶען דֶעם רֶבִּי'ן, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ 'זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, אִיךְ מוּז אַרֵיינְגֵיין צוּם רֶבִּי'ן'.

דֶער רֶבִּי הָאט פַארְשְׁטַאנֶען בְּרוּחַ קָדְשׁוֹ וָואס רֶבִּי יוּדְל גֵייט אַרִיבֶּער, זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת. גְלַייךְ וֶוען רֶבִּי יוּדְל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וויל מְקוּרָב וֶוען צוּם אֱמֶת דֶעמָאלְט אִיז זִיךְ דֶער שֶׁקֶר מִתְגַבֵּר אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיפְן שֶׁקֶר, עֶר צֶעבְּרֶעכְט דֶעם שֶׁקֶר - וֶוערְט פוּן שֶׁקֶר - קֶשֶׁר", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "דוּ וֶועסְט שׁוֹין בְּלַייבְּן מְקוּשָׁר צוּ מִיר דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן".

לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, אוּן וֶוען דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת קוּמֶען - אִיז דִי בֶּעסְטֶע וֶועג צוּ זָאגְן 'מִיר אִיז נִישְׁט קֵיין חִילוּק אוֹיבּ מֶען דַארְף מִיךְ יָא אָדֶער נִישְׁט, אִיךְ דַארְף אָבֶער יָא דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ דַארְף דִי צַדִיקִים אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי צַדִיקִים וָואס בְּרֶענְגֶען אַרֵיין אִין מִיר דִי אֱמוּנָה'; זִיךְ נִישְׁט שְׁלָאגְן מִיט דִי נִישְׁט גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת, ווַייל דִי וֶועג ווִי אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט אִיז, אַז דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת וֶוערְן נָאר שְׁטֶערְקֶער אוּן עֶרְגֶער וֶוען מֶען טַעְנָה'ט מִיט זֵיי, דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען פָּטוּר וֶוערְן פוּן זֵיי אִיז נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן מִיט זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**בַּאנֵייעֶן אוּנְזֶער קֶשֶׁר**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אוֹיף וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעבֶּעטְן אַז דוּ ווילְסְט הָאבְּן מֶער שַׁייְכוּת, דוּ שְׁפִּירְסְט אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי נָאנְט ווִי אַמָאל.

אַז דוּ ווילְסְט בַּאנֵייעֶן אוּנְזֶער קֶשֶׁר, זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן שַׁבָּת דִי קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, זָאג אַרוֹיס דִי וֶוערְטֶער אוֹיפְן קוֹל, שְׁטַייט אוּן קְלָאר. אוּן וֶוען עֶס אִיז דָא דִי אִידִישֶׁע תְּפִלּוֹת זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; נֶעם דִי בְּרִיוו כְּאִילוּ עֶס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן פַאר דִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַרַיינְרוּפְן דִי הַאט-לֵיין קוֹל בְּרֶסְלֶב, אוּן זִיךְ צוּהֶערְן צוּ דִי שֵׁיינֶע זִיסֶע שִׁיעוּרִים וָואס וֶוערְן פָארְגֶעלֶערְנְט טֶעגְלִיךְ פַאר דִי בָּחוּרִים, אוֹיךְ אִיז דָא שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים אוֹיף סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן אוּן אוֹיף סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוּן נָאךְ.

אַזוֹי וֶועט אוּנְזֶער קֶשֶׁר וֶוערְן גָאר שְׁטַארְק, מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט, אַז וֶוער עֶס וֶועט אִים פָּאלְגְן וֶועט וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

...

## נִישְׁט מְסוּדָר'דִיגֶע תְּפִלּוֹת, אֲפִילוּ אָן טַעַם, אָן שְׁפִּירְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ג' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, לִינְדְן נְיוּ דְזְשֶׁערְסִי**

הַיינְט בַּיים מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען מִיט (בְּרֵאשִׁית כח, י - יא): "וַיֵּלֶךְ חָרָנָה, וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם"; וָואס טוּט מֶען וֶוען עֶס אִיז דָא 'וַיֵּלֶךְ חָרָנָה' - אַ חֲרוֹן אַף, עֶס אִיז דָא דִינִים? - דִי עֵצָה אִיז 'וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם', בֶּעטְן אוּן מוּטְשֶׁען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'וַיִּפְגַּע' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן פֶּגְעֶ'ן, מוּטְשֶׁען, מֶען דַארְף מוּטְשֶׁען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז עֶס וֶוערְט הַמְתָּקַת הַדִּינִים.

בְּרוּדֶער טַייעֶרֶער, הַארְצִיגֶער חַבֵר, פוּן הִימְל שְׁטוּפְּט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם וַואנְט, מֶען מַאכְט אִים עֶנְג אַז עֶר זָאל דַארְפְן שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט.

אַז מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן, דִי מוֹיל אִיז פַארְמַאכְט - דַארְף מֶען נִיצְן דִי פַּייל אוּן בּוֹיגְן, מֶען דַארְף וַוארְפְן תְּפִלּוֹת. אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נב): "שֶׁצָּרִיךְ לִזְרֹק וּלְהַשְׁלִיךְ אַחֲרָיו יִתְבָּרַךְ תְּפִלּוֹת", מֶען וַוארְפְט תְּפִלּוֹת, מֶען זָאגְט דָא אַ תְּפִלָּה אוּן דָארְט אַ תְּפִלָּה, אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט מְסוּדָר, אֲפִילוּ אָן טַעַם, אָן שְׁפִּירְן וִוי מֶען פּוֹעֶל'ט וְכוּ' וְכוּ'.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס שְׁטַארְקְט אוּנְז אוּן לָאזְט אוּנְז נִישְׁט פַאלְן.

...

## רֶעדְן שַׁיין צוּ דִי מְפִיצִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ג' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

דַארְפְּסְט זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ' זַיין אַז דוּ אַרְבֶּעטְסְט אִין "בֵּית הַדְּפוּס", דַיין אַרְבֶּעט אִיז דְרוּקְן הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים, גִלְיוֹנוֹת, קוּנְטְרֵסִים -

טֶעגְלִיךְ, פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז אוֹיפְדֶערְנַאכְט, בִּיסְט עוֹסֵק אִין תִּיקּוּן הָעוֹלָם, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי מְפִיצִים, אוּן זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן צוּ וָואס זֵיי דַארְפְן; דִי מְפִיצִים גֵייעֶן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ טָאג אוּן נַאכְט, עֶס אִיז דָא פוּן דִי מְפִיצִים וָואס קוּמֶען נִישְׁט אָן צוּ שְׁלָאפְן אוּן עֶסְן, עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, אָבֶּער דָאס אִיז דִי מְצִיאוּת, דִי מְפִיצִים זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער; מִיר דַארְפְן זֵיי אָנְגְרֵייטְן דִי סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים, גִּלְיוֹנוֹת, סִידִיס, עֶס-דִי קַארְטְלֶעךְ, יוּ עֶס בִּי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

וֶוען מִיר הָאבְן גֶעהַאט דִי בֵּית הַדְּפוּס אִין יְשִׁיבָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, יֶעדֶע מָאל מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה גֶעבְן אַ שִׁיעוּר, אָדֶער צוּ אַ שִׂמְחָה, אִיז מוֹהֲרָא"שׁ גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן דִי בֵּית הַדְּפוּס; דִי שְׁמֵייכְל וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאט דָארְט קֶען אִיךְ נִישְׁט פַארְגֶעסְן. אַמָאל הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: "וָואלְט מוֹהַרְנַ"תְּ גֶעהַאט אַזָא צִימֶער מִיט מַאשִׁינֶען, אוֹי וָואלְט עֶר זִיךְ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען..."

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין מְזַמֵּן לִזְמַן הֲפָצָה, וַוייל אַרְבֶּעטְן אִין בֵּית הַדְּפוּס פַּטֶרְ'ט נָאכְנִישְׁט צוּ עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה.

...

### עֶפֶּעס אִינֶעוֵוייניג אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ג' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

דָאס וָואס דוּ זָאגְסְט אַז דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט מְסוּדָר, עֶפֶּעס אִינֶעוֵוייניג אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, עֶס מַאכְט דִיר נִישְׁט גוּט וְכוּ' וְכוּ'.

דָאס אִיז וַוייל עֶס פֶעלְט דִיר לֶערְנֶען תּוֹרָה, דוּ דַארְפְסְט זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת אוּן תְּהִלִּים - וֶועסְטוּ גְלַייךְ זֶען אוּן שְׁפִּירְן אַ חִילּוּק, וֶועסְט וֶוערְן פְרֵיילִיךְ; וַוייל תּוֹרָה מַאכְט פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען אִין שׁוּל אִינְדֶערְפְרִי חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת אוּן תְּהִלִּים.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ; ווייל וָואס מַאכְט פְרֵיילִיךְ דִי פְרוֹיעֶן? זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין חִיוּב צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, זֵיי וֶוערְן פְרֵיילִיךְ וֶוען אִין שְׁטוּבּ גֵייט אַ קוֹל תּוֹרָה, אַז דֶער מַאן לֶערְנְט תּוֹרָה אִין שְׁטוּבּ - וֶוערְן זֵיי פְרֵיילִיךְ, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ וֶוערְט פְרֵיילִיךְ.

שְׁרַייבּ מִיר וֶוען דוּ לֶערְנְסְט אוּן וִויפִיל דוּ לֶערְנְסְט.

...

## וִוי אַזוֹי ווילְסְטוּ דַיין קִינְד זָאל רֶעדְן מִיט דִיר?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ג׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיךְ מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא לב.): ״הוּקַשׁ כִּיבּוּד אָב וָאֵם לִכְבוֹדוֹ שֶׁל מָקוֹם״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אוֹיךְ מִיךְ זָאלְן עֶנְק מְכַבֵּד זַיין אוּן אוֹיךְ עֶנְקֶערֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן עֶנְק מְכַבֵּד זַיין, דָאס מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן אִיז חָשׁוּב פִּינְקְט אַזוֹי וִוי מִיךְ מְכַבֵּד זַיין; אוּן אַז זַאכְן שְׁטֶערְן דִיר - אִיז דָאס נִישְׁט קֵיין תֵּירוּץ אוֹיף נִישְׁט מְכַבֵּד זַיין. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (קִידוּשִׁין לא.), מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר בִּיז וִויפִיל אִיז דִי שִׁיעוּר צוּ לַיידְן (סָאפֶּערְן, כְּנֶסֶת אַמֶערִיקֶע), הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״פַארְוָואס פְרֶעגְט עֶטְץ מִיר, פְרֶעגְט דֶעם גוֹי פוּן אַשְׁקְלוֹן, דָמָה״; עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גֶענֶעַראל אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן זַיין דְרָשָׁה אִיז זַיין מַאמֶע גֶעקוּמֶען אוּן אִים גֶעוָוארְפְן אִירֶע שִׁיךְ אִין פָּנִים, הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעבּוֹיגְן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי שִׁיךְ אוּן אִיר עֶס גֶעגֶעבְּן, זִי זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן בֵּייגְן.

הָאסְט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, הָאט שׁוֹין אַ קִינְד; וִוי אַזוֹי ווִילְסְטוּ דַיין קִינְד זָאל רֶעדְן מִיט דִיר? מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל יֶעדְן טָאג רֶעדְן פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אוּן זָאגְן פַאר דִי בָּחוּרִים: ״וִוי אַזוֹי עֶנְק פִירְן זִיךְ

צוּ עֶנְקֶערֶע עֶלְטֶערְן - וֶועלְן עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער זִיךְ פִּירְן צוּ עֶנְק, מִיט פְּרָאצֶענְט".

דַיין מַאמֶע הָאט אַזוֹי גֶעוויינְט צוּ מִיר בַּיי דִי בְּרִית וָואס דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט פַאר דַיין זוּן, אַז זִי הַאלְט נִישְׁט אוֹיס מֶער... אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ טוּסְט תְּשׁוּבָה אוּן דוּ גֵייסְט רֶעדְן שֵׁיין.

...

## וֶוען דֶער בַּעַל הַבַּיִת שְׁרֵייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

נֶעם נִישְׁט צוּם הַארְצְן אַז דַיין בַּעַל הַבַּיִת הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף דִיר אַז עֶר גֵייט דִיךְ אַרוֹיסְוַוארְפְן וְכוּ', אוֹיבּ וֶועט עֶר נָאכְאַמָאל שְׁרֵייעֶן זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ: "אִיךְ בִּין דָא צוּ טוּן וָואס דוּ זָאגְסְט, אוּן אַז דוּ ווִילְסְט מִיךְ פַארְשִׁיקְן דַארְפְסְטוּ נִישְׁט שְׁרֵייעֶן, קֶענְסְט מִיךְ אַוֶועק שִׁיקְן, אוּן אַז דוּ ווִילְסְט מִיר גֶעבְּן אַרְבֶּעט - וֶועל אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן צוּ טוּן דִי אַרְבֶּעט, אוּן אִיךְ וֶועל דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר זַיין אוֹיף דֶעם", אוּן אַז עֶר פַארְשִׁיקְט דִיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַאלְן, גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זָאלְסְט גֵיין אִין שׁוּל דַאוְונֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת, אוּן בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן בָּרֵךְ עָלֵינוּ אֶת הַשָּׁנָה הַזֹּאת - זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְוויינֶען, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ אַ מִשְׁפָּחָה, אִיךְ דַארְף זַיי מְפַרְנֵס זַיין, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אוּן גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה וְכוּ'"**.

נִישְׁטָא וואוּ צוּ גֵיין, נִישְׁטָא עֶפֶּעס אוֹיסֶער תְּפִלָּה. אִיךְ דַארְף אוֹיךְ גְרוֹיסֶע נִיסִים, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ דַארְף אַ גְרוֹיסֶער נֵס, אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג פַאר דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִין דִי מוֹסָד, שׁוֹין וָואכְן לַאנְג וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע; וָואלְט עֶס גֶעוֶוען אַ בִּיזְנֶעס - וָואלְט אִיךְ פַארְמַאכְט דִי בִּיזְנֶעס, אָבֶער הֱיוֹת עֶס אִיז דִי חֵדֶר

און יְשִׁיבָה, און בֵּית פֵּיגָא פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - אִיז נִשְׁט שַׁיָּךְ צוּ פַּארְמַאכְן; קוּקְן מַיינֶע אוֹיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֵוייְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיךְ נִשְׁט פַּארְשֶׁעמֶען, אִיךְ זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן מַיינֶע מְלַמְּדִים און טִיטְשֶׁערְס.

...

## וַואלֶענְטִירְן צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

עֶס אִיז דָא אַ פְּלַאץ ווִי מֶען קֶען מִיר הֶעלְפְן אִין שְׁטֶעטְל, עֶס זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט וָואס דַארְפְן חֲבֵרִים, אִינְגֶעלַייט וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער, און זֵיי הָאבְן נִשְׁט קֵיינֶעם מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן. עֶס קֶען אוֹיסְזֶעען פוּן אִינְדְרוֹיסְן ווִי זֵיי זֶענֶען שְׁטִיל, ווִי לִכְאוֹרָה דַארְפְן זֵיי נִישְׁט קֵיינֶעם, ווִי זֵיי גֵייעֶן זִיךְ זֵייעֶר וֶועג, אָבֶּער בֶּאֱמֶת "יֵשׁ לָהֶם יִסּוּרִים גְּדוֹלִים וְנוֹרָאִים רַחֲמָנָא לִצְלַן", הָאבְן זֵיי גְרוֹיסֶע וֵוייטָאג רַחֲמָנָא לִצְלָן, "וְאִי אֶפְשָׁר לָהֶם לְסַפֵּר מַה שֶּׁבִּלְבָּם", און זֵיי קֶענֶען נִישְׁט דֶערְצֵיילְן וָואס לִיגְט זֵיי אוֹיפְן הַארְץ, "וְהֵם הָיוּ רוֹצִים לְסַפֵּר", און זֵיי ווִילְן יָא דֶערְצֵיילְן, "אַךְ אֵין לָהֶם בִּפְנֵי מִי לְסַפֵּר וּלְהָשִׂיחַ עִמּוֹ אֶת כָּל אֲשֶׁר עִם לְבָבָם", נָאר זֵיי הָאבְן נִשְׁט פַּאר וֶועם צוּ דֶערְצֵיילְן און אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אַלֶעס וָואס לִיגְט זֵיי אוֹיפְן הַארְץ, "וְהֵם הוֹלְכִים מְלֵאִים יִסּוּרִים וּדְאָגוֹת", זֵיי זֶענֶען פוּל מִיט וֵוייטָאג, זֵיי גֵייעֶן אַרוּם מִיט זָארְג; און מֶען זוּכְט אַפָּאר חֲבֵרִים אִין שְׁטֶעטְל, אִינְגֶעלַייט מִיט שִׂמְחָה, זָאלְן וַואלֶענְטִירְן און מִיר הֶעלְפְן מְחַיֶּ׳ זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; וַוייל "כְּשֶׁבָּא אָדָם", אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אֵיינֶער, "עִם פָּנִים שׂוֹחֲקוֹת", מִיט אַ פְרֵיילִיכֶע פָּנִים, "יָכוֹל לְהַחֲיוֹת אוֹתָם מַמָּשׁ", קֶען מֶען זֵיי פָּשׁוּט גֶעבְן לֶעבְן.

הַלְוַואי זָאלְסְטוּ מִיט נָאךְ אַפָּאר גוּטֶע הַארְצִיגֶע בְּרִידֶער עוֹסֵק זַיין אִין דֶעם, אוֹיפְזוּכְן מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן און שְׁמֵייכְלֶען, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית כב.), "מֵהַנֵי תְּרֵי בַּדְחֵי שֶׁזָּכוּ לְמַה

שֶׁזָּכוּ עַל יְדֵי זֶה שֶׁהָיוּ מְשַׂמְּחִים בְּנֵי אָדָם"; קוּק דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מג).

...

## אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי נִישְׁט כָּשֶׁר'ע טֶעלֶעפָאן פוּן שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי מֶעסֶעדְזְשׁ אַז אִיר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי נִישְׁט כָּשֶׁר'ע טֶעלֶעפָאן פוּן שְׁטוּבּ, אִיר שְׁרַייבְּט אַז דָאס אִיז בִּזְכוּת דִי דְרָשׁוֹת, דִי שִׁיעוּרִים; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר, אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דָאס וֶועט עֶנְק בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת, עֶנְק וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח אוּן צוּ נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

מַאכְט זִיךְ אַ צַייט יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי נָאכְן לֵייגְן דִי קִינְדֶער אוֹיפְן בָּאס צוּ שְׁמוּעֶסְן פַאר אַפָּאר מִינוּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵייבְּט אָן מִיט דַאנְקֶען; דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי חֲסָדִים אוּן בֶּעטְס אִים פַאר אַייךְ, פַאר אַייעֶר מַאן אוּן קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶעס.

נָאכְאַמָאל אַ יִישַׁר כֹּחַ פַאר דִי מֶעסֶעדְזְשׁ וָואס אִיז גֶעקוּמֶען אִין דִי רִיכְטִיגֶע מִינוּט, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיךְ מְחַזֵּק זַיין וְכוּ'.

...

## פוּן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר, אַרְגֶענְטִינֶע

זַיי מְחַזֵּק דַיין בְּרוּדֶער עֶר זָאל בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן, עֶר זָאל בְּלַייבְּן הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי קְהִילָה, סַיי יֶעצְט בִּיז עֶר טְרֶעפְט זַיין שִׁידוּךְ אוּן אוֹיךְ שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר וֶועט שׁוֹין טְרֶעפְן זַיין שִׁידוּךְ; פוּן הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט,

אַדְרַבָּה, מֶען אִיז נָאר מַרְוִיחַ, און אַז מֶען דְרֵייְוְוט אַ בָּאס צוּ טְרָאגְן דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר, אִין סְקוּל - שַׁאדְט עֶס נִישְׁט פַּארְן שִׁידוּךְ, עֶס בְּרֶענְגְט נָאר דִי שִׁידוּךְ נֶענְטֶער.

הֶער אַ מַעֲשֶׂה, מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיךְ אֵיינְמָאל גֶערוּפְן זָאגְן אַז אַ טַאטֶע פוּן אַ בָּחוּר וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה און גֶעדְרֵייְוְוט דִי בָּאס בַּיי אוּנְז אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג-בָּארָא פַּארְק - אִיז גֶעקוּמֶען זִיךְ בַּאקְלָאגְן צוּ אִים אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט קֵיין שִׁידוּךְ פַאר זַיין זוּן, דִי שַׁדְכָנִים זָאגְן אַז אַלֶע זָאגְן אָפּ דִי שִׁידוּךְ וַוייל עֶר פִירְט אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ בָּאס, מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיךְ גֶערוּפְן אִיךְ זָאל אִים זָאגְן אַז עֶר זָאל מֶער נִישְׁט פִירְן דֶעם בָּאס, מוֹהֲרָא"ש הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מַאכְן צַעַר פַאר דֶעם טַאטְן, אָבֶער מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "נוּ, וֶועלְן מִיר זֶען יֶעצְט וֶוען עֶר וֶועט אָפְּלָאזְן דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ בָּאס און גֵיין צוּ אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת אוֹיבּ עֶס וֶועט אִים יָא גֵיין אַ שִׁידוּךְ", און מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט פַארְן בָּחוּר וָואס הָאט אִים אִיבֶּערְגֶענוּמֶען: "זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אַז דָאס וֶועט דִיר שָׁאטְן פַאר דַיין שִׁידוּךְ, אַדְרַבָּה, דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען דַיין שִׁידוּךְ"; הַכְּלָל, פוּן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט, מֶען אִיז מַרְוִיחַ בָּזֶה וּבַבָּא.

זַיי מְחַזֵק דַיין בְּרוּדֶער עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען מִיר הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי מוֹסָד, אִיךְ דַארְף יֶעצְט רַחֲמֵי שָׁמַיִם, אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג גֶעהַאלְט פַאר דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, סַיי דָא אִין אַמֶעריקֶע און סַיי אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אָבֶער אִיךְ גְלֵייבּ מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט אוּנְז הֶעלְפְן, וַוייל דִי מוֹסָד אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס; מֶען רֶעדְט נָאר פוּן אִים, דִי קִינְדֶער רֶעדְן נָאר פוּן אִים און נָאר צוּ אִים.

...

**אויסער די חַבְרוּתוֹת, אויךְ זָאגְן תּוֹרָה אָן פַארְשְׁטֵיין**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ג׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

עֶס דֶערְפְרֵייט מִיר דָאס הַארְץ צוּ הֶערְן אַז דוּ קוּמְסְט אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען, הָאסְט גֶענוּמֶען צְוֵויי חַבְרוּתוֹת, דוּ לֶערְנְסְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דָאס אִיז דֶעם רֶבִּינְ׳ס ווילְן גֶעוֶוען, אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז אַ גְלִיסְטֶעניִשׁ צוּ לֶערְנֶען אוּן צוּ טוּן אַסַאךְ מִצְווֹת מִיט אַ פַּשְׁטוּת, אָן קֵיין חָכְמוֹת.

אויסֶער דִי שִׁיעוּרִים וָואס דוּ הָאסְט מִיט דַיינֶע חַבְרוּתוֹת - זָאלְסְטוּ אויךְ לֶערְנֶען פַאר דִיר אַלֵיין, גוֹרֵס זַיין פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת מִיט בְּלֶעטֶער גְמָרָא אֲפִילוּ אָן קֵיין פַארְשְׁטַאנְד, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט צוּ לֶערְנֶען (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו), וַוייל אַז מֶען לֶערְנְט נָאר מִיט פַארְשְׁטַאנְד אוּן מִיט אַ חַבְרוּתָא, קוּמְט אוֹיס אַפָּאר הוּנְדֶערְט טֶעג אַ יָאר וָואס מֶען לֶערְנְט נִישְׁט; אַז מֶען רֶעכְנְט צַאם אַלֶע שַׁבָּתִים אוּן יָמִים טוֹבִים פוּן יָאר, אוּן עַרְבֵי שַׁבָּתִים - אִיז שׁוֹין אִיבֶער הוּנְדֶערְט טֶעג, אוּן נָאכְדֶעם אַלֶע אַנְדֶערֶע טֶעג וָואס מֶען הָאט טִרְדוֹת, אִיז אַלֶעס צוּזַאמֶען גָאר אַסַאךְ טֶעג, מַה שֶּׁאֵין כֵּן אַז מֶען לֶערְנְט בְּאוֹפֶן גִּירְסָא, דָאס טוּט מֶען אַלֶע טֶעג, כּוֹלֵל שַׁבָּתִים, עֶרֶב שַׁבָּת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִינְדֶערְפְרִי נָאךְ בִּרְכַּת הַתּוֹרָה זָאלְסְטוּ זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ זָאגְן דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין, זָאג עֶס מִיט דִי טַייטְשׁ; עֶס זָאל דִיר וֶוערְן אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין דִי בֵּיינֶער דִי אֱמוּנָה בְּהַשֵּׁם וּבְמֹשֶׁה וּבִנְבִיאִים.

...

**נִישְׁטָא קֵיין נֶעכְטְן אוּן מָארְגְן, הַיינְט אִיז דַיין גֶעבּוּרְטְס טָאג**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ג׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְטְרִיאַל

מַזָּל טוֹב פַאר דִי שִׂמְחָה פוּן דִי בַּר מִצְוָה פוּן דַיין זוּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אַלֶע וַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז מִיר קֶענֶען יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי, דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים ב, ז): "ה' אָמַר אֵלַי בְּנִי אַתָּה אֲנִי הַיּוֹם יְלִדְתִּיךָ", זָאגְט דֶער זוֹהַר (פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, צח.) דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי טָאג וָואס מֶען וֶוערְט אַ גָּדוֹל, בַּר מִצְוָה, דֶער פָּסוּק וֶועט מָשִׁיחַ זָאגְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם: "ר' אִיד, 'אֲנִי הַיּוֹם יְלִדְתִּיךָ', דוּ בִּיסְט הַיינְט גֶעבּוֹירְן, קֶענְסְט אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי, נִישְׁטָא קֵיין נֶעכְטְן, נִישְׁטָא קֵיין מָארְגְן, 'הַיּוֹם יְלִדְתִּיךָ', הַיינְט אִיז דַיין גֶעבּוּרְטְס טָאג'; דֶער לִימוּד וֶועט מָשִׁיחַ מְגַלֶּה זַיין פַאר דִי וֶועלְט, אוּן דָאס אִיז בְּעֶצֶם דֶעם רֶבִּינְ'ס לִימוּד, "אַלְט אִיז נִישְׁט גוּט, אַלְט טָאר מֶען נִישְׁט זַיין" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא); "אֲנִי הַיּוֹם יְלִדְתִּיךָ", הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעבּוֹירְן, הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן בַּר מִצְוָה; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט, פוּן אַ רֶבִּי וָואס מַאכְט אוּנְז יוּנְג אוּן לָאזְט אוּנְז נִישְׁט אַלְט וֶוערְן.

...

## גֶעבּ אַ טִיפּ פַאר דַיינֶע קִינְדֶערְ'ס טִיטְשֶׁערְס אוּן מְלַמְּדִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

אַז דוּ מִיט דַיין וַוייבּ וֶועלְן יֶעדְן טָאג דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער, דָאס וֶועט עֶנְק עֶפֶענֶען דִי הִימְל פַאר עֶנְקֶערֶע בַּקָּשׁוֹת, זוֹכֶה זַיין צוּ נָאךְ קִינְדֶער אוּן פַאר אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

מוֹהַרְנַ"ת זָאגְט, וֶוער עֶס קְרֶעכְצְט בְּרֶענְגְט אוֹיף זִיךְ זַאכְן אוֹיף וָואס צוּ קְרֶעכְצְן, אוּן דֶער וָואס דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט - בְּרֶענְגְט אוֹיף זִיךְ זַאכְן אוֹיף וָואס עֶר וֶועט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן; דָאס אִיז דִי עִיקָר עֲבוֹדָה, צוּ זוּכְן דָאס גוּטְס אוּן אוֹיף דֶעם דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֶעבּ אַ טִיפּ פַאר דַיינֶע קִינְדֶערְ'ס טִיטְשֶׁערְס אוּן מְלַמְּדִים, שׁוֹין וָואכְן

וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין פְּרוּטָה זֵיי צוּ צָאלְן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פוּן זֵיי, גֶעבּ זֵיי אַ טִיפ זֵיי זָאלְן הָאבְּן וָואס צוּ גֶעבְּן פַאר דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן בֶּעט פַּאר מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ אָנְצוּגֵיין.

...

זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען שַׁבָּת חֲנוּכָּה מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאֵי קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס הִילְף ווִיל אִיךְ זַיין שַׁבָּת חֲנוּכָּה אִין שְׁטֶעטְל אִינְאֵיינֶעם מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, שַׁבָּת חֲנוּכָּה אִיז פוּן דִי דְרַיי זְמַנִּים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל זִיךְ צַאמְקוּמֶען.

אִיךְ הָאף שׁוֹין צוּ גֶעבְּן דֶעם לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר אִין שְׁטֶעטְל, אוּן אִיךְ ווִיל בֶּעטְן דִי גַבָּאִים אוֹיבּ מֶען קֶען צוּשְׁטֶעלְן אַ מְלַוֶּה מַלְכָּה מִיט סְעוּדַת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ פַאר דִי גַאנְצֶע עוֹלָם, אוֹיךְ אַ בָּאטֶע פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז ווער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים דִי דְרַיי צַייטְן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת - וֶועט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי עוֹנֶשׁ פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם דִי גְרִיסְן זֶענֶען גֶעוַואלְדִיג, מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז וֶוען מֶען קוּמְט אִין שׁוּל אִין שְׁטֶעטְל זֶעט מֶען אִינְגֶעלַייט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוֹיךְ דִי רֵיינְקֵייט; אַלֶעס אִיז רֵיין, דִי מִקְוֶה, דִי בֵּית הַכִּסֵּא, רֵיינְקֵייט אִיז אַ סִימָן טָהֳרָה; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר דָאס אַלֶעס צוּ הֶערְן.

גֵיי שְׁפַּאצִירְן מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, שְׁרֵיי זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּקוֹל דְּמָמָה דַּקָּה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן טז): ״דַע שֶׁיְּכוֹלִין לִצְעֹק בְּקוֹל דְּמָמָה דַקָּה״, מֶען קֶען שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען קֵיינֶער זָאל נִישְׁט הֶערְן; אַלֶעס וֶוערְט גוּט, עֶס וֶוערְט זִיס אוּן לִיכְטִיג, מֶען וֶוערְט אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

**מַאכְן קוּנְטְרֵסִים?**

**אַ אִינְגֶערְמַאן פְרֶעגְט:**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן צְוֵויי שִׁיעוּרִים אוּם פַּרְשַׁת פִּנְחָס תשפ"ב אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן שִׁידוּכִים; אִיךְ וִויל מַאכְן פוּן דֶעם אַ קוּנְטְרֵס, הָאב אִיךְ רְשׁוּת דָאס צוּ טוּן?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

מֶען קֶען נִישְׁט אַלֵיין אִיבֶּערְטַייטְשְׁן דִי שִׁיעוּרִים אוּן דְרָשׁוֹת אוּן מַאכְן קוּנְטְרֵסִים, דָאס מוּז גֵיין דוּרְךְ דִי וַעַד וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דֶעם. קֶענְסְט רֶעדְן מִיט דֶעם גַבָּאִי'ן פוּן בְּנֵי בְּרַק ר' יוֹאֵל לֶעוִוי, אוּן מִיטְן גַבְּאַי פוּן יְרוּשָׁלַיִם ר' יִצְחָק שְׁמוּאֵל פְרֶענְקֶל; זֵיי דַארְפְן דָאס אִיבֶּערְקוּקְן אוּן מְאַשֵׁר זַיין.

...

**טֵייל אָפּ דַיין אָפִיס, דַיין פַּרְנָסָה, פוּן דַיין שְׁטוּב**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי זִיךְ מְחַזֵק צוּ לָאזְן דַיין טֶעלֶעפָאן אוּן טֶעבְּלֶעט - אִין דַיין אָפִיס, זֶע אַז דַיין שְׁטוּב זָאל זַיין אַ זוֹיבֶּערֶע פְּלַאץ פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, טֵייל אָפּ דַיין אָפִיס, דַיין פַּרְנָסָה - פוּן דַיין שְׁטוּב; אַז דִי צַייט וָואס דוּ בִּיסְט אִין שְׁטוּב - זָאלְסְטוּ זַיין אִינְגַאנְצְן אִין שְׁטוּב פַאר דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז שְׁוֶוער, דוּ בִּיסְט שׁוֹין צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זַיין פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה מִיט דִי טֶעלֶעפָאן וְכוּ'; זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן דִי כֹּחוֹת דָאס צוּ קֶענֶען טוּן. ווִילְסְט דָאךְ שׁוֹין הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע דִירָה, זָאלְסְטוּ דָאס טוּן פַאר אַ סְגוּלָה, אוּן בִּזְכוּת וָואס דוּ וֶועסְט הַאלְטְן דַיין שְׁטוּב רֵיין אוּן זוֹיבֶּער - וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַן אֵייגֶענֶע דִירָה.

אִיךְ הָאב אוֹיךְ גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע נִסָיוֹן פוּן הָאבְּן אַ לֶעפְּטַאפּ אִין שְׁטוּב, אִיךְ הָאב זִיךְ גֶעזָאגְט אַז אִיךְ מֶעג, אִיךְ נִיץ עֶס נָאר צוּ שְׁרַייבְּן בְּרִיוו, צוּ

שְׁרַייבְּן אַ פֵּירוּשׁ אוֹיפְן זוֹהַר און אוֹיפְן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, און פַאר אַ שְׁטִיק צַייט הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט דִי לֶעפְּטַאפּ אִין שְׁטוּבּ, און מִיט הִתְבּוֹדְדוּת און חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ הָאבּ אִיךְ מִיט גְרוֹיסֶע נִיסִים דָאס אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן שְׁטוּבּ און דָאס צוּרִיק גֶעגֶעבְּן פַאר דֶעם אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט מִיר דָאס גֶעבְּרֶענְגְט.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס צוּ גֶעבְּן חִיזוּק אַז אֲפִילוּ פַאר דִבְרֵי תּוֹרָה און הִתְחַזְקוּת - אִיז אוֹיךְ נִישְׁט רִיכְטִיג צוּ הַאלְטְן אִין שְׁטוּבּ דִי כֵּלִים.

...

## עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין דִי שְׁוֶוערֶע צַייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דַיינֶע מֶעסֶעדְזְשֶׁעס וואוּ דוּ פְרֶעגְסְט מִיר אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט אַרוֹיפְקוּמֶען זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן; זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, אִיךְ בִּין אַבִּיסְל אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט יֶעצְט, שׁוֹין וָואכְן וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט בַּאצָאלְט דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, סַיי אִין אַמֶערִיקֶע סַיי אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶס דְרוּקְט מִיר אוֹיפְן מֹחַ, אִיךְ דַארְף אַ גְרוֹיסֶע נֵס, דָאס אִיז אוֹיסֶער דֶעם וָואס דִי טִיטְשֶׁערְס פוּן בֵּית פֵּיגָא אִין אַמֶערִיקֶע הָאט מֶען נִישְׁט בַּאצָאלְט פוּן פַארְיָאר פֶּסַח; אִיךְ הָאף צוּ מַאכְן צַייט צוּ רֶעדְן מִיט דִיר.

הָעִקָּר פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין דִי שְׁוֶוערֶע צַייט, דָאס אַלֶעס מַאכְט מֶען פוּן הִימְל, מֶען וויל זֶען צִי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, צוּ וֶועם עֶר וֶועט זִיךְ וֶוענְדְן בְּעֵת צָרָה, אוֹיבּ עֶר וֶועט לוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מַיין הַארְצִיגֶער חַבֵר, שְׁטַארְק זִיךְ, דְרַאפֶּע זִיךְ און דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת, יֵשׁ עִנְיָן שֶׁנִּתְהַפֵּךְ הַכֹּל לְטוֹבָה, עֶס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, עֶס וֶועט וֶוערְן גוּט.

...

**פַארְקוֹיפְן דֶעם דִיאַמַאנְט רִינְגְל?**

**אַ פְּרוֹי פְרֶעגְט:**

מַיין מַאן זוּכְט יֶעצְט אַ דְזְשַאבּ, אוּן מִיר הָאבְּן נִישְׁט קֵיין גֶעלְט צוּ צָאלְן דִי מָארְגֶעדְזְשׁ, אִיךְ וִויל פַארְקוֹיפְן מַיין דִיאַמַאנְט רִינְגְל צוּ הֶעלְפְן בַּאצָאלְן דִי מָארְגֶעדְזְשׁ פַאר דֶעם חוֹדֶשׁ, מַיין מַאן אִיז אָבֶּער נִישְׁט זִיכֶער אַז דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ טוּן, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל עֶס פַארְקוֹיפְן אָדֶער נִישְׁט?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

חַס וְשָׁלוֹם, נִישְׁט פַארְקוֹיפְן.

...

**דֶעפְּרֶעסְיֶע אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, לֶעיקְוָואד**

דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וִויל נָאר אֵיין זַאךְ, עֶר וִויל דֶעם מֶענְטְשׁ אַרָאפְּוַוארְפְן אִין דֶעפְּרֶעסְיֶע, אִין עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, דָאס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ, דָאס בְּרֶענְגְט צוּ אַלֶע עֲבֵירוֹת, מֶען וֶוערְט אָפְּגֶערִיסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקיב): "זֶה כְּבָר עֲבֵירָה שֶׁאַתֶּם עוֹשִׂים עֲבֵירָה", דָאס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירָה, דָאס זַיין בְּעַצְבוּת.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, גֵיי אַ טֶענְצְל, פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד, זַיי זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי מִצְווֹת וָואס דוּ טוּסְט אוּן טוּ אַלֶעס אַבִּי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אֲפִילוּ זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן, אַבִּי זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל דָאס אִיז דִי מִלְחָמָה, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זוּכְט נָאר אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן אִין דֶעפְּרֶעסְיֶע, אַזוֹי וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ אַ טוֹיטֶער, עֶר אִיז פֶערְטִיג, עֶר לָאזְט זִיךְ נָאךְ רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אַז מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טְרֶעפְן, מֶען לִיגְט אִין אַזַא יֵאוּשׁ אַז מֶען זֶעט נִישְׁט קֵיין שׁוּם בְּרֶעקֶעלֶע גוּטְס - דַארְף מֶען זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיט 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי', פוּן דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן, וַוייל וָואס עֶס זָאל נָאר זַיין - בִּין אִיךְ דָאךְ נִישְׁט קֵיין גוֹי, אַ אִיד בִּין אִיךְ דָאךְ. אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט

דֶערְצֵיילְט "בְּצַדִּיק אֶחָד שֶׁנָּפַל עָלָיו עַצְבוּת", אוּן וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעוָואלְט זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי בְּעַצְבוּת, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט רִירְן, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען מִיט 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי'; קוּק נָאךְ דִּי מַעֲשֶׂה (סוֹף סֵפֶר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת).

...

## דִּי קוּנְץ אִיז אוֹיפְצוּזוּכְן דָאס גוּטְס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ד' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דִיר; וִויסְן זָאלְסְטוּ, עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער, נִישְׁטָא קֵיינֶער וָואס עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף אִים, דִּי קוּנְץ אִיז - אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס, אוֹיפְזוּכְן דִּי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין לֶעבְּן, דַיינֶע טֶעג, דַיינֶע יָארְן - גֵייעֶן אַרִיבֶּער מִיט גוּטֶע זַאכְן, מִיט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִּי אֱמוּנָה אוֹיף דִּי וֶועלְט. עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס מֶען וֶועט זֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶבִּי'ן אוּן פוּן מְזַכֶּה זַיין נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל מִיט זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּם רֶבִּי'ן, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶען, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זִיךְ כַאפְּן וָואס פַאר אַן אוֹצָר מִיר הָאבְּן גֶעהַאט.

יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ טַאנְצְן אַז דוּ הָאסְט דִּי זְכִיָּ' צוּ טוּן פַארְן רֶבִּי'ן, צוּ זַיין אַ שַׁמָּשׁ פַארְן רֶבִּי'ן.

...

## פַארְמַאךְ דַיין טֶעלֶעפָאן, אוּן עֶפְן דַיין הַארְץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ד' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל מָאנְרָא**

אִיךְ קוּק זֵייעֶר אַרוֹיס אוֹיף דֶעם וָואס דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ גֵיין נָאךְ

גֶעלְט, דוּ נֶעמְסְט צַאם צְדָקָה פַאר דִי מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן חֵן אוּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא זָאלְסְט קֶענֶען טוּן דַיין אַרְבֶּעט בְּנֶאֱמָנוּת מִיט גְרוֹיס הַצְלָחָה.

זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ יֶעדְן טָאג צוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, זוּךְ דִיר אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואוּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט וֶוערְן גֶעשְׁטֶערְט פוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ, פַארְמַאךְ דַיין טֶעלֶעפָאן. דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסגִיסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיךְ מְקַרֵב זַיין צוּ אִים, עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, זָאלְסְט אִים קֶענֶען דִינֶען מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין אִין אָפִּיס נָאר נָאךְ מִקְוֶה, נָאךְ שַׁחֲרִית, אוּן נָאךְ עֶפֶּעס עֶסְן פַאר דִי נְשָׁמָה, עֶפֶּעס שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה; אַזוֹי וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין.

...

## אַפָּאר וִויכְטִיגֶע פּוּנְקְטְן צוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין דִי גֶעשֶׁעפְטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דָא הָאסְטוּ אַפָּאר וִויכְטִיגֶע פּוּנְקְטְן צוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין דַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן:

- זָאג יֶעדְן טָאג נָאךְ שַׁחֲרִית מִיט דִי טַלִית וּתְפִילִין דִי 'תִּיקוּן הַכְּלָלִי', דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶועְן פַאר תִּיקוּן הַבְּרִית, דָאס אִיז מְסוּגָל פַאר פַּרְנָסָה [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ].
- זַיי זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ זַיין בְּשִׂמְחָה, אוּן אֲפִילוּ דוּ הָאסְט נִישְׁט מִיט וָואס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דִי דַאֲגוֹת אוּן דִי עַצְבוּת אִיז זִיךְ מִתְגַבֵּר אוֹיף דִיר - זָאלְסְטוּ זִיךְ רַייסְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, ווַייל דָאס אִיז דִי שְׁלִיסְל צוּ הַצְלָחָה.

- הַאלְט אַ תְּהִלִּים אִין גֶעשֶׁעפְט, אוּן וֶוען דוּ זֶעסְט אַז עֶס דַארְף גֶעשֶׁען אַ נֵס, דִי בַּאנְק אִיז לֵיידִיג, מֶען דַארְף נִיסִים - זָאלְסְטוּ זָאגְן אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים.
- רֶעד מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דַיין וַוייבּ, רֶעד צוּ אִיר וֵוייךְ אוּן שֵׁיין; דָאס אִיז מְסוּגָּל פַאר עֲשִׁירוּת.
- הַאלְט אַ פּוּשְׁקֶע אִין דַיין אָפִּיס, אוּן וַוארְף אַרַיין כְּסֵדֶר פְּרוּטוֹת אוּן שֶׁעפְּשֶׁע תְּפִלּוֹת.

'הֶענְג אוֹיף דֶעם בְּרִיוו אִין דַיין אָפִּיס'.

...

אַ גְרוּס פוּן עֶנְקֶערֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ

אִיךְ וויל אַייךְ גֶעבְּן אַ גְרוּס פוּן עֶנְקֶערֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אַלֶע זֶענֶען אַזוֹי לִיכְטִיג אוּן טַייעֶר, דִי זִין אוּן דִי טֶעכְטֶער, אוֹיךְ דִי חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער, אַלֶע זֶענֶען אַזוֹי טַייעֶר; בְּלַייבְּט אִיבֶּער נָאר צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּפְרַט יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמֶען דִי לִיכְטִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ב): "יְמֵי חֲנוּכָּה", דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה זֶענֶען טֶעג פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן זֶען וַוייטֶער נַחַת בַּיי דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, גֶעזוּנְטֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

...

## אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי וָואס שְׁפֶּעטְן פוּן דִי תְּמִימוּת פוּן צַדִּיקֵי אֱמֶת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, לִינְדֶן נְיוּ דְזְשֶׁערְסִי**

זוּךְ אוֹיף גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס פִירְן זִיךְ בִּתְמִימוּת, מִיט זֵיי זָאלְסְטוּ זִיךְ חַבֶרְ'ן, אוּן אַנְטְלוֹיף פוּן חָכְמוֹת אוּן לֵיצָנוּת, בִּפְרַט פוּן דִי חָכְמוֹת אוּן לֵיצָנוּת וָואס אִיז דָא בַּיי דִי וָואס זֶעעֶן אוֹיס ווִי חֲסִידִים וְכוּ׳.

מוֹהֲרְנַ״ת רוּפְט זֵיי אָן (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת נִזְקֵין הֲלָכָה ד, אוֹת כח): ״קְלִפַּת נֹגַהּ״, זֵיי זֶענֶען אוֹיסְגֶעמִישְׁט טוֹב מִיט רַע, פוּן אֵיין זַייט אִיז טַאקֶע דָא אִין זֵיי טוֹב, ״כִּי אֵינָם פּוֹרְקִין עֹל חַס וְשָׁלוֹם״, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן דִי עוֹל הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת, ״וּקְצָתָם הֵם אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים קְצָת, וְלִפְעָמִים אוֹמְרִים דִּבְרֵי אֱמֶת״, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאבְּן זֵיי אִין זִיךְ חָכְמוֹת מִיט לֵיצָנוּת. מוֹהֲרְנַ״ת זָאגְט דָארְט, פוּן אֵיין זַייט זֶענֶען זֵיי מֶער סַכָּנָה ווִי פוּן הֶערְן גוֹיִם אוּן אַפִּיקוֹרְסִים, ״כִּי מֵעַכּוּ״ם וְאֶפִּיקוֹרְסִים רֹב יִשְׂרָאֵל מְרַחֲקִים עַצְמָן מֵהֶם״, ווַייל פוּן גוֹיִם אוּן מִינִים זֶענֶען רוֹב אִידְן אִינְגַאנְצְן דֶערְוַוייטֶערְט, ״אַךְ מֵאֵלּוּ הַכְּשֵׁרִים קְצָת״, אָבֶער פוּן דִי - ״אֵין מִתְרַחֲקִים מֵחָכְמָתָם כָּל כָּךְ״, אִיז מֶען נִישְׁט דֶערְוַוייטֶערְט, ״וּבֶאֱמֶת הֵם מַזִּיקִים הַרְבֵּה״, אוּן זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער שָׁאטְן, ״שֶׁמִּתְלוֹצְצִים מִכַּמָּה דַּרְכֵי הַתְּמִימוּת הָאֲמִתִּיּוֹת״ וְכוּ׳, ווַייל זֵיי שְׁפֶּעטְן פוּן דִי תְּמִימוּת פוּן דִי צַדִּיקֵי אֱמֶת.

זֵיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג ״אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת״, אוּן דֶעם ״יוֹם תְּהִלִּים״, בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, ווַייל נָאר דָאס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אוּנְז.

...

## ווִיכְטִיג צוּ קֶענֶען דִי הֲלָכוֹת פוּן בִּרְכַּת הַנֶּהֱנִין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן אִיז מִיר גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע טָאג אַז מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ נַייעֶ

שִׁיעוּר, יֶעדְן פַארְנאכְטְס, אַ שִׁיעוּר אִין הֲלָכָה, פַאר אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען פַארְיָאגְט צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה. אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה אַז דוּ קוּמְסְט צוּם שִׁיעוּר, אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט מִיד - טוּסְטוּ וָואס אִיז רִיכְטִיג, בִּיסְט זִיךְ קוֹבֵעַ אַ שִׁיעוּר אִין הֲלָכָה.

מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען הִלְכוֹת בְּרָכוֹת, עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ קֶענֶען דִי הֲלָכוֹת פוּן בִּרְכַּת הַנֶּהֱנִין; גֵיי וֵוייס, דָאס וָואס מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער הַיינְטִיגֶע זְמַנִים, פְּחָדִים, עֶנְקְזֵייעֶטִי, פָּאבִּיעֶס, פַּאנִיק אַטַאקֶעס - קוּמְט פוּן נִישְׁט זַיין נִזְהָר צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת פַּחַד, סִימָן יד): "מִי שֶׁאֵינוֹ נִזְהָר בְּבִרְכַּת הַנֶּהֱנִין", וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְנְט צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת בַּיים עֶסְן, "תְּחִלָּה וָסוֹף", אַ פָּאר בְּרָכָה אוּן אַ נָאךְ בְּרָכָה - "פְּחָדִים בָּאִים עָלָיו", קוּמְט אוֹיף אִים שְׁרֶעק.

**בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דֶער רֶבִּי וָואס גֶעבְּט מִיר לֶעבְּן, עֶר גֶעבְּט מִיר אַזוֹיפִיל גוּטְס, אֱמוּנָה, תְּשׁוּבָה, שִׂמְחָה וְכוּ' וְכוּ' - זָאגְט מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע מַיינֶע מְנִיעוֹת אוּן גֵיין קַיין אוּמַאן".**

...

## הֶעלְפְן אִין שׁוּל; רֵיינִיגְן, סְפָּאנְדְזְשֶׁען אוּן פַארְרֶעכְטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ח' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין לִיבֶּער הַארְצִיגֶער תַּלְמִיד, הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן וֶוען דוּ הָאסְט אִיבְּרִיגֶע צַייט זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן אִין יְשִׁיבָה אוּן אִין שׁוּל, פְרֶעג דִי גַבָּאִים וָואס מֶען קֶען בֶּעסֶער מַאכְן אוּן אוֹיךְ אִין יְשִׁיבָה זָאלְסְטוּ זַיין דִי רֶעכְטֶע הַאנְט פַארְן מְנַהֵל אוּן מַגִּיד שִׁיעוּר.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בִּילְדֶער וִוי דוּ פַארְבְּסְט (קַאלֶעכְסְט) דִי וֶוענְט אִין יְשִׁיבָה אִין יְרוּשָׁלַיִם, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן; דָאס וֶועט דִיר בְּלַייבְּן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט לֶערְנֶען אַכְצֶן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע פְּלֶעקְן פוּן דִי נְשָׁמָה, אֲפִילוּ דִי גָאר שְׁטַארְקֶע אַיינְגֶעגֶעסֶענֶע פְּלֶעקְן וָואס זֶעט אוֹיס עֶס וֶועט שׁוֹין בְּלַייבְּן, דוּרְךְ מִשְׁנַיוֹת קוּמֶען זֵיי אַרוֹיס. זָאג דִי וֶוערְטֶער, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אַז מֶען דַארְף נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין; מִשְׁנַיוֹת רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

קֶענְסְט וַוייזְן דֶעם בְּרִיוו פַאר דַיינֶע חֲבֵרִים, זֵיי זָאלְן אוֹיךְ הֶעלְפְן אִין שׁוּל; רֵיינִיגְן, סְפָּאנְדְזְשְׁן אוּן פַארְרֶעכְטְן. אִיךְ זֶע פוּן דִי קֶעמֶערֶעס וִוי דוּ הֶעלְפְסְט; דִי אוּנְטֶערְקָאם אִיז צֶעבְרָאכְן, אִיךְ קֶען נִישְׁט רֶעדְן, אָבֶּער זֶען - זֶע אִיךְ, אוּן אִיךְ הָאבּ אַזוֹי הֲנָאָה צוּ זֶען פוּן דִי קֶעמְרֶע וִוי דוּ רֵיינִיגְסְט דִי יְשִׁיבָה, דִי שׁוּל אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נָאךְ דִיר, אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, הַלְוַאי וָואלְסְטוּ מִיר גֶעשְׁרִיבְּן בְּרִיוו, מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ נֶענְטֶערֶע קֶשֶׁר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֶענְסְט תְּשׁוּבָה טוּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן, דוּ וֶועסְט זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זַיי מִיר מוֹחֵל, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן נַיי זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד" - וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל זַיין אוּן דוּ וֶועסְט אָנְקוּמֶען בִּיזְן כִּסֵּא הַכָּבוֹד. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.): "גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה שֶׁמַּגַּעַת עַד כִּסֵּא הַכָּבוֹד", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה קוּמְט עֶר אָן בִּיזְן כִּסֵּא הַכָּבוֹד; מֶען קוּמְט אָן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה.

בְּרוּדֶער גְלֵייבּ אִין רֶבִּי'ן, כַאפּ זִיךְ אָן אִין רֶבִּי'ן, הַאלְט זִיךְ מִיטְן רֶבִּי'ן וָואס זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל,

תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אוּיב דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט טוּן שְׁלֶעכְטְס - גְלֵייבּ אוֹיךְ אַז דוּ קֶענְסְט פַּארְרֶעכְטְן; לֵייג אַוֶועק אַלֶע חָכְמוֹת הַמְּדֻמּוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִיט אַ מַתָּנָה קֶען מֶען נִישְׁט אִיבֶּערְבֶּעטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, יַבְנְאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ הָאסְט אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט אַ מַתָּנָה, אוּן אַנְשְׁטָאט דַיין וַוייבּ זָאל דִיר זָאגְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ הָאסְטוּ אַריינְגֶעכַאפְּט מָנָה אַחַת אַפַּיִם - זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט נִיצְן קֶעגְן אִיר, וַוייל וֶוען אֵיינֶער אִיז וֵוי גֶעטוּן - הֶעלְפְט נִישְׁט בְּרֶענְגֶען מַתָּנוֹת, עֶס מַאכְט נָאר עֶרְגֶער; זִי אִיז פַארְוֵוייטָאגְט אוֹיף דִיר, אוּן מִיט אַ מַתָּנָה קֶען מֶען נִישְׁט אִיבֶּערְבֶּעטְן; מֶען דַארְף אִיבֶּערְבֶּעטְן, מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן שֵׁיין, אוּן נָאר נָאכְדֶעם קֶען מֶען קוֹיפְן אַ מַתָּנָה.

רֶעד שֵׁיין צוּ אִיר, אוּן אַז זִי שְׁרֵייט - זָאלְסְטוּ גֵיין צוּם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרַאָ"שׁ אוּן זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין. דוּ הָאסְט דָאךְ דֶעם אוֹצָר נֶעבְּן דִיר, דוּ ווֹאוֹינְסְט דָאךְ אִין יַבְנְאֵל, קֶענְסְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אַרוֹיפְכַאפְּן צוּם הֵיילִיגְן פְּלַאץ אוּן זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד זַיין. מוֹהֲרַאָ"שׁ זָאגְט דָאךְ אַזֶעלְכֶע קְלָארֶע וֶוערְטֶער אִין דִי צַוָּואָה, (צַוָּואַת מוֹהֲרַאָ"שׁ, אוֹת ה): "מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין עֵדוּת אַז יֶעדֶע וָואֹרְט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן פַאר מַיין מַצֵּבָה אִיז אֱמֶת. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אוּן קֶען מַיין צוּבְּרָאכְן הַארְץ וֶועלְכֶע אִיז צוּבְּרָאכְן אוֹיף טוֹיזְנְטֶער שְׁטִיקְלֶעךְ כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר. אוּן אִיךְ הָאף אַז מִיט דֶעם וָואס מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר אוּן מֶען וֶועט דָארְט דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דֶעם וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַ תִּיקוּן פַאר מַיין נֶפֶשׁ רוּחַ אוּן נְשָׁמָה, אַזוֹי וִוי בַּיי מַיין לֶעבְּן זֶענֶען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן דוּרְךְ מִיר, אַזוֹי וֶועט

זַיין אוֹיךְ נָאךְ מַיין הִסְתַּלְקוּת. וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר, וֶועט מֶען נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, אוֹיךְ וֶועט מֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קֶענֶען פּוּעלְ'ן בַּיי מַיין קֶבֶר אַלֶע עֶרְלֵיי יְשׁוּעוֹת. וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען מִתְפַּלֵל זַיין בַּיי מַיין קֶבֶר, וֶועל אִיךְ זַיין אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט רוּעֶן בִּיז אִיךְ וֶועל זֶען צוּ בְּרֶענְגֶען דִי יְשׁוּעָה פַאר דֶעם וָואס אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף מַיין קֶבֶר, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אַ בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ, אוֹיב וֶועלְן זֵיי קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר אוּן דָארְט אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִים אָן קֵיין הֶפְסֵק, זָאג אִיךְ זֵיי צוּ אַז זֵיי וֶועלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר רִיכְטִיגֶע בַּאשֶׁערְטֶע שִׁידוּךְ, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם".

טְרַייבּ אַרוֹיס דִי מַחֲשָׁבוֹת פוּן חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ צֶעטֵיילְן, דוּ הָאסְט אַ שְׁטוּב מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, נִישְׁטָא קֵיין עֶרְגֶערֶע רְצִיחָה וִוי דָאס אַז עֶלְטֶערְן גֶטְ'ן זִיךְ, דָאס אִיז עֶרְגֶער וִוי דָאס עֶרְגְסְטֶע; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן וָואס זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעט): "וֶוען עֶס אִיז גָאר בִּיטֶער אִיז מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל"; וֶוען מוֹהַרְנַ"ת הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "אֵיךְ מְבַטְלִין עַצְמוֹ", וָואס מֵיינְט בִּיטוּל? וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען אִיז אִין אַ שְׁוֶוערֶע מַצָב אִין מֶען שְׁפִּירְט אַז מֶען קֶען מֶער נִישְׁט נֶעמֶען דִי פַּיין אוּן פְּלָאג? הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "מֶען פַארְמַאכְט זִיךְ דִי מוֹיל אוּן דִי אוֹיגְן - דָאס אִיז בִּיטוּל", מֶען פְרֶעגְט נִישְׁט קֵיין קַשְׁיוֹת, מֶען טְרָאסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען גְלֵייבְּט אַז עֶר וֵוייסְט בֶּעסֶער וָואס אִיז גוּט פַאר אוּנְז.

אִיךְ הָאבּ דִיר נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אָבֶּער אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ דִי בָּחוּרִים וָואס וֵויינֶען אַז זֵיי ווילְן זַיין גוּט, זֵיי ווילְן חֲתוּנָה הָאבְּן, זֵיי דַארְפְן חִיזוּק, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט אָן קֵיין חִיזוּק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַנְשְׁטָאט הָאבְּן טַעֲנוֹת, וָואלְסְטוּ גֶעדַארְפְט מַכִּיר טוֹבָה זַיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

...

וֶוער זָאגְט דִיר אַז וָואס עֶר זָאגְט אִיז וָואר, וִוי קֶענְסְטוּ רֶעדְן אֵיידֶער דוּ הֶערְסְט אוֹיס דִי אַנְדֶערֶע זַייט מַעֲשֶׂה, וִוי קוּם אִיךְ אַרַיין אִין בִּילְד? אִיךְ הָאבּ אִים יָא גֶעזָאגְט עֶר זָאל גֶעבְּן אַ נָאמֶען נָאךְ דִי זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס. אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל גֶעבְּן אַ נָאמֶען נָאךְ דַיין טַאטְן, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל נִישְׁט אוּן זַיין וַוייבּ וִויל נִישְׁט, אוּן עֶר הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע נָאמֶען אוֹיבּ עֶס אִיז גוּט, צוּ קֶענֶען זָאגְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אִים גֶעזָאגְט צוּ גֶעבְּן דִי נָאמֶען, אוּן צוּ קֶענֶען זָאגְן פַאר אַלֶעמֶען אַז עֶר פָאלְגְט נָאר דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

הָאסְט טַעֲנוֹת אַז אִיךְ פָּארֶע זִיךְ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער? דוּ וֵוייסְט וִויפִיל שָׁעָה אִיךְ גֶעבּ אַוֶועק פַאר דַיינֶע קִינְדֶער? וִויפִיל זֵיי נֶעמֶען מִיר אַוֶועק פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה? אַנְשְׁטָאט הָאבְּן טַעֲנוֹת וָואלְסְטוּ גֶעדַארְפְט זַיין אַ מַכִּיר טוֹבָה אוּן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען.

...

## רוֹב קִינְדֶער וֵוייסְן נִישְׁט דִי חֲשִׁיבוּת אוּן הֵיילִיגְקֵייט פוּן אַ מַאמֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא טְבֶרְיָה**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר פְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס אִיז גוּט אִיר זָאלְט רֶעדְן וַוייטֶער מִיט דִי מֵיידְל וָואס רֶעדְט נִישְׁט שֵׁיין צוּ אִיר מַאמֶע, אוֹיבּ דָאס מֵיינְט אַ נִישְׁט גוּטֶע חַבֶרְ׳טֶע?

אִיר קֶענְט וַוייטֶער רֶעדְן מִיט אִיר, אוּן אַז אִיר וֶועט הֶערְן וִוי זִי רֶעדְט מִיט גְרִינְגְשֶׁעצוּנְג צוּ אִיר מַאמֶע, זָאלְט אִיר זִי פַארְרֶעכְטְן אוּן זָאגְן: ״אַ

מַאמֶע אִיז הֵיילִיג, צוּ אַ מַאמֶע דַארְף מֶען רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ"; זִי וֵוייסְט מִן הַסְתָּם נִישְׁט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מַאמֶע, אַזוֹי וִוי רוֹב קִינְדֶער וֵוייסְן נִישְׁט דִי חֲשִׁיבוּת אוּן הֵיילִיגְקֵייט פוּן אַ מַאמֶע.

גֶעבְּט אִיבֶּער פַאר אַלֶע תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵיגָא טְבֶרְיָה אַז אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע גְרִיסְן אַז עֶס אִיז דָא דֶרֶךְ אֶרֶץ צְווִישְׁן עֶנְק אוּן עֶס אִיז דָא אַחְדוּת צְווִישְׁן עֶנְק, אִיךְ בֶּעט פַאר עֶנְקֶער הַצְלָחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶערְמַאנֶען נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים, קֶען טוּישְׁן דִי טֶבַע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן מִשְׁפַּחַת ....שֶׁיִּחְיוּ

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; עֶס אִיז גֶעוָוארְן אִינֶעם מֶענְטְשׁ, דֶער וָואס אִיז חוֹשֵׁשׁ אוֹיף דֶעם זָאל חוֹשֵׁשׁ זַיין, אוּן דֶער וָואס אִיז נִישְׁט חוֹשֵׁשׁ אוֹיף דֶעם - דַארְף נִישְׁט חוֹשֵׁשׁ זַיין. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קי:): "מַאן דְקָפִיד קָפִיד" וְכוּ'.

דֶער עִיקָר זָאגְט שֵׁמוֹת הַצַדִיקִים. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט פַאר פְרוֹיעֶן וָואס וַוארְטְן אַז מֶען זָאל זָאגְן אִין דִי חֳדָשִׁים "שֵׁמוֹת הַצַדִיקִים" - נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים זָאל מֶען הָאבְּן גְרִינְג דָאס קִינְד. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק חֵלֶק ב', סִימָן כ): "עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַדִיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בַּמַּעֲשֶׂה בְּרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע", דוּרְכְן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים קֶען מֶען טוּישְׁן דִי טֶבַע; זָאלְט אִיר זָאגְן דִי נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים וָואס אִיר גֶעדֶענְקְט אוֹיסְנְוֶוייניג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ, יַעֲקֹב אָבִינוּ, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, יוֹסֵף הַצַדִיק, דָוִד הַמֶּלֶךְ, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא

מִבְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, מוֹהֲרַא"שׁ מִיַּבְנְאֵל וְכוּ' וְכוּ', און נָאךְ נֶעמֶען פון צַדִּיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט, און נָאכְדֶעם זָאלְט אִיר זָאגְן דִי תְּפִלָּה:

"יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם, אִין דִי זְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ דֶערְמַאנְט דִי נֶעמֶען פון דִי צַדִּיקִים, בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה, זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים און זֵייעֶר מְסִירַת נֶפֶשׁ, ווִי זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְג אַ גֶעזוּנְט קִינְד בְּרַמַ"ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ"ה גִּידִים; אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ וַוארְט - גְרִינְגֶערְהֵייט. נֶעם אַוֶועק פון מִיר אַלֶע מִינֵי עַיִן הָרַע'ס אַז קֵיינֶער זָאל מִיךְ נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין ווִילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פון דֶעם אַ נַחַת רוּחַ, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, יְ"יָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס ווִילְסְטוּ עֶנְדִיגְן דַיין לֶעבְּן?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וַוארְף אַוֶועק דִי נַארִישֶׁע מַחֲשָׁבוֹת פון חַס וְשָׁלוֹם עֶנְדִיגְן דָאס לֶעבְּן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; ווִי גֶעפֶערְלִיךְ עֶס אִיז דִיר דָא - קוּמְט דָאס נִישְׁט צוּ אַ פִּינְטְל, אֵיין פְּרָאצֶענְט - וָואס דַארְט גֵייט פָאר; נִישְׁט אִיךְ זָאג דִיר דָאס, דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאס; אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן זָאגְן: "אִיךְ ווִיל שְׁטַארְבְּן, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קֵיין כֹּחַ צוּ דִי יִסוּרִים וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר", זָאגְט אִים דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן פד), חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, כב): "וְאַל יַבְטִיחֲךָ יִצְרְךָ", דֶער יֵצֶר הָרָע זָאל דִיר נִישְׁט אַיינְרֶעדְן, "שֶׁהַשְּׁאוֹל וְהַקֶּבֶר בֵּית מָנוֹס לָךְ", אַז אִין קֶבֶר וֶועט דִיר זַיין בֶּעסֶער; דֶער רֶבִּי הָאט אִים

גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז אַ מֶענְטְשׁ פַּארְנוּמֶען, יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיינֶע טִרְדוֹת, פַּרְנָסָה וְכוּ׳ וְכוּ׳; קֶען זַיין מֶען זָאל כַאפְּן אַ בִּיס פוּן אַ בִּין אָדֶער אַ פְלִיג אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל דָאס שְׁפִּירְן, וַוייל מֶען אִיז אַרַיינְגֶעטוּן אִין אַנְדֶערֶע זַאכְן, אָבֶער אִין קֶבֶר אִיז נִישְׁטָא קֵיין שׁוּם טִרְדוֹת אוּן מַחֲשָׁבוֹת וָואס זָאלְן אַוֶועק נֶעמֶען דֶעם קָאפּ פוּן הֶערְן וִוי דִי וֶוערֶעם קְרִיכְן אוּן בַּייסְן, דָארְט הֶערְט מֶען יֶעדֶע רִיר אוּן יֶעדֶע שְׁטָאךְ; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי צַעַר אִין קֶבֶר וֶוען מֶען הֶערְט יֶעדֶע בַּייס פוּן דִי וֶוערֶעם אוּן דִי צַעַר פוּן הֶערְן וִוי זֵיי קְרִיכְן.

דִי מַחֲשָׁבוֹת פוּן ׳אִיךְ אַנְטְלוֹיף׳, ׳אִיךְ לוֹיף אַוֶועק׳ וְכוּ׳ וְכוּ׳; ווִיל אִיךְ דִיר זָאגְן לִיבֶער בְּרוּדֶער, נִישְׁטָא וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן, נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען לוֹיפְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן דִיר הֶעלְפְן.

דָא הָאסְטוּ אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קֵיין כֹּחַ, אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערְבִּיטֶערְט פוּן דָאס וָואס גֵייט אוֹיף מִיר אַרִיבֶּער אַז אִיךְ טְרַאכְט שׁוֹין מַחֲשָׁבוֹת וָואס אִיז נֶגֶד הַשֵּׂכֶל, פוּן וֶועלְן אַנְטְלוֹיפְן חַס וְשָׁלוֹם, הֶעלְף מִיר, גֶעבּ מִיר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, גֶעבּ מִיר שִׂמְחָה, מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס בִּיסְטוּ, דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר - אַלֶעס אַלֶעס אִיז דוּ, אַלֶעס קוּמְט פוּן דִיר, אַלֶעס אִיז נָאר דוּ אוּן דוּ בִּיסְט אַלֶעס"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן טָאג טֶעגְלִיךְ, אוּן לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז מֶען עֶסְט חֲזִיר, זָאל עֶס נִישְׁט רִינֶען אוֹיפְן בָּארְד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה זֶעעֶן מִיר זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע חִיזוּק, יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט צֶעטֵיילְט זַיינֶע קִינְדֶער אִין צְוֵויי, עֶר הָאט גֶעזָאגְט (בְּרֵאשִׁית לב, ח-ט), אוֹיבּ וֶועט עֵשָׂו קוּמֶען אוּן מִיר צוּנֶעמֶען אַ הַאלְבֶּע מִשְׁפָּחָה - וֶועט דִי צְוֵוייטֶע הַאלְבּ זִיךְ קֶענֶען רַאטֶעוֶוען, דָאס לֶערְנְט אוּנְז דִי וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט דִי יֵצֶר הָרָע; וֶוען עֶר קוּמְט אוּן עֶר וַוארְפְט אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, זָאל מֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוּן זִיךְ צוּ אִים אִיבֶּערְגֶעבְּן, אִינְגַאנְצְן אַרַיינְפַאלְן אִין אַ יֵאוּשׁ חַס וְשָׁלוֹם - נָאר זוּכְן צוּ רַאטֶעוֶוען וָואס מֶער. דֶער רֶבִּי זָאגְט: "אִיךְ זָאג אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי וֶועלְט, דִי וֶועלְט זָאגְט 'אַז מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין עֶסְן מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת, מֶען עֶסְט חֲזִיר - זָאל עֶס שׁוֹין רִינֶען אוֹיפְן בָּארְד', אִיךְ זָאג אַנְדֶערְשׁ, 'נֵיין נֵיין נֵיין, אַז מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, מֶען עֶסְט חֲזִיר - זָאל עֶס נִישְׁט רִינֶען אוֹיפְן בָּארְד', מֶען זָאל פוּן דָארְט שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַלֶע מָאל גֶעזָאגְט, וָואס אִיז דְבֵיקוּת אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? דְבֵיקוּת טַייטְשְׁט פַארְקְלֶעבְּט, אַזוֹי וִוי מֶען נֶעמְט צְוֵויי פַּאפִּירְן אוּן מֶען קְלֶעבְּט דָאס צוּזַאם, אוּן אַז מֶען וִויל דָאס צֶעטֵיילְן וֶועט מֶען נִישְׁט קֶענֶען, עֶס וֶועט מִיט קוּמֶען אַ שְׁטִיקְל פוּן אֵיינְס אוֹיפְן צְוֵוייטְן, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אֲפִילוּ דֶער יֵצֶר הָרָע וֶועט אִים חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפְּוַוארְפְן אִין אַן עֲבֵירָה זָאל עֶר מִיט שְׁלֶעפְּן מִיט זִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָארְט שְׁרֵייעֶן: "טַאטֶע טַאטֶע, אִיךְ וִויל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ דִיר".

הַיינְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן בַּת עַיִן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶער בַּת עַיִן הָאט גֶעוואוֹינְט אִין אָווְרִיטְשׁ, שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אָווְרִיטְשׁ אִיז דִי שְׁטָאט נָאווְרִיטְשׁ וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז גֶעפָארְן, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים. עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן (סִימָן קנג), אַז אִין יָאר תקס"ז אִיז דֶער רֶבִּי אַוֶועקְגֶעפָארְן פַאר פּוּרִים פוּן שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, קֵיינֶער הָאט

נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פְּשַׁט פוּן דִי רֵייזֶע, דֶער רֶבִּי אִיז דֶעמָאלְט גֶעפָארְן קַיין נָאוְורִיטְשׁ, פוּן דָארְט הָאט עֶר גֶעוָואלְט פָארְן וַוייטֶער אִין וֶועג, אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן דָארְט אִין נָאוְורִיטְשׁ אִין שְׁטוּבּ פוּנֶעם אָרְטִיגְן רָב, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטִיקֶל מְחוּתָּן מִיט אִים, דָאס אִיז דֶער צַדִיק דֶער בַּת עַיִן; דִי זְכוּת פוּן דִי צַדִיקִים זָאלְן מֵגֵן זַיין אוֹיף אוּנְז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## חוּמְרוֹת נֶעמְט אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

לָאז זִיךְ נִישְׁט נַארְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי, שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר: דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן; כָּאפּ אַרַיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסֶל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אַזוֹי וֶוען עֶס קוּמְט סוֹף וָואךְ הָאט מֶען גֶעעֶנְדִיגְט דִי סֶדְרָה, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מְקַיֵּים זַיין וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "אָמַר רַב הוּנָא בַּר יְהוּדָה אָמַר רֶבִּי אַמִּי, לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם", מֶען זָאל יֶעדֶע וָואךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין צְוֵויי מָאל דִי חוּמָשׁ אוּן אֵיין מָאל דֶעם תַּרְגּוּם, "שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", דָאס אִיז אַ סְגוּלָּה פַאר אֲרִיכוּת יָמִים, אוּן דָאס רַאטֶעוֶועט אַ מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַוֶועק וַוארְפְן אַלֶע חוּמְרוֹת וָואס דוּ בִּיסְט וַוייט פַארְקְרָאכְן, קֶער זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶעבּ בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה, שְׁפֵּיי אוֹיס אַלֶעס וָואס מֶען הָאט דִיר מַדְרִיךְ גֶעוֶוען שֶׁלֹּא עַל פִּי תּוֹרָה, (נִישְׁט אוּמְזִיסְט הָאט מוֹהֲרַא"שׁ גֶעזָאגְט 'מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיפְהֶענְגֶען אוֹיף אַ תְּלִי' דִי מַדְרִיכִים מְנִיוּוָלִים וָואס נֶעמֶען טַייעֶרֶע חֲתָנִים אוּן כַּלּוֹת אוּן זֶענֶען זֵיי מַדְרִיךְ צוּ לֶעבְּן

ווִי דִי גַלָחִים׳, זַיי שְׁפִּילְן מִיט דִי חַתָנִים אוּן מִיט דִי כַּלוֹת מַעֲשֶׂה גַלָח, כְּאִילוּ ווִי מֶער מֶען אִיז אָפְּגֶעשֵׁיידְט אִיז מֶען מֶער אוּן בֶּעסֶער, אוּן דָאס אִיז דִי וֵוייטָאג, אַז דִי אִינְגֶעלַייט אוּן ווַייבְּלֶעךְ פַּאלְן אִין עֲבֵירוֹת.

אִיךְ קֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן מֶער ווַייל אַלֶע קוּקְן מַיינֶע בְּרִיוו אוּן כְּבוֹד אֱלֹקִים הַסְתֵּר דָבָר, אָבֶער רְמָזִים קֶען מֶען יָא גֶעבְּן, אוּן זִיכֶער צוּ זָאגְן אַז (קִידּוּשִׁין נד.): "לֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", אוּן (עֲבוֹדָה זָרָה ג.): "אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא עִם בְּרִיּוֹתָיו", אוּן עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת דָאס וָואס מֶען לֶערְנְט הַיינְטִיגֶע טֶעג מִיט דִי טַייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט).

חוּמְרוֹת נֶעמְט אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וַוארְפְּט אִים אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, בִּפְרַט בֵּינוֹ לְבֵינָהּ וְכוּ׳ וְכוּ׳. מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט שֻׁלְחָן עָרוּךְ, ווַייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן מד): "גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד", מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן חָכְמוֹת, "כִּי כָל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהַנִּכְנָסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", ווַייל דִי אַלֶע חָכְמוֹת וָואס מֶען הָאט וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין חָכְמוֹת, דָאס אִיז דִמְיוֹנוֹת, שְׁטוּתִים אוּן קָאפּ דְרֵייעֶנִישׁ, "וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "וְעַל אֵלּוּ הַמְדַקְדְּקִים וּמַחְמִירִים בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר: 'וָחַי בָּהֶם, וְלֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם' כִּי אֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת כְּלָל", דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט חָכְמוֹת אוּן סְפֵיקוֹת זֶענֶען אַלֶץ מְסֻפָּק צִי זֵיי הָאבְּן יוֹצֵא גֶעוֶוען דִי מִצְוָה צִי נִישְׁט - דִי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין שׁוּם חַיּוּת, "וְתָמִיד הֵם בְּמָרָה שְׁחֹרָה מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵינָם יוֹצְאִים יְדֵי חוֹבָתָם בְּהַמִּצְווֹת שֶׁעוֹשִׂין וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת מִשּׁוּם מִצְוָה מֵחֲמַת הַדִּקְדּוּקִים וְהַמָּרָה שְׁחֹרוֹת שֶׁלָּהֶם", זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג דֶעפְּרֶעסְט, זֵיי לֶעבְּן אַלֶץ אִין סְפֵיקוֹת, אוּן דִי חוּמְרוֹת ווַארְפְּט זֵיי אַרַיין אִין מָרָה שְׁחוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## צֶעפְּלִיקְטֶע נְשָׁמוֹת קוּמֶען פוּן שְׁטִיבֶער וואוּ עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁרֵיי נִישְׁט אִין שְׁטוּב, שְׁרֵיי נִישְׁט אוֹיף דַיין וַוייבּ; אַז מֶען שְׁרֵייט אוֹיף דִי וַוייבּ, מֶען כַּעַסְ'ט זִיךְ - טְרַייבְּט מֶען אַרוֹיס דִי שְׁכִינָה פוּן שְׁטוּבּ. אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסג), אַז מֶען דַארְף רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ, מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר אוּן אִיר הַאלְטְן טַייעֶר.

אִיךְ זִיץ מִיט קִינְדֶער אוּן מִיט בָּחוּרִים שׁוֹין אִיבֶּער צְוָואנְצִיג יָאר, אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן, דִי צֶעפְּלִיקְטֶע נְשָׁמוֹת קוּמֶען פוּן שְׁטִיבֶער וואוּ עֶלְטֶערְן זֶענֶען זִיךְ נִישְׁט מְכַבֵּד אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן דִי גֶעזוּנְטֶע נְפָשׁוֹת, דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גֵייסְטִיש גֶעזוּנְט - דִי קוּמֶען פוּן דִי פְרֵיילִיכֶע שְׁטִיבֶער וואוּ טַאטֶע מַאמֶע רֶעדְן שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ.

אַז דַיין וַוייבּ רֶעדְט נִישְׁט שֵׁיין צוּ דִיר - הָאט דָאס אוֹיךְ מִיט דִיר; דוּ רֶעד צוּ אִיר מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ, דוּ פִיר זִיךְ מִיט הַכְנָעָה - וֶועט זִי מִיט דִי צַייט רֶעדְן צוּ דִיר שֵׁיין. וַוייל שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כז, יט): "כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים", אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען קוּקְט אִין וַואסֶער שְׁפִּיגְלְט מֶען זִיךְ דֶערִין, אַז מֶען הָאט אַ שְׁמֵייכְלְדִיגֶע פָּנִים זֶעט מֶען אִין דִי וַואסֶער אַ שְׁמֵייכְל, אוּן אַז מֶען הָאט אַ זוֹיעֶרֶע פָּנִים זֶעט מֶען אִין דִי וַואסֶער אַ זוֹיעֶרֶע פָּנִים - "כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם", אַזוֹי אוֹיךְ מַאן אוּן וַוייבּ; וֶוען אֵיינֶער שְׁמֵייכְלְט צוּם צְוֵוייטְן וֶועט דֶער צְוֵוייטֶער צוּרִיק שְׁמֵייכְלֶען.

זוּךְ נִישְׁט צוּ זַיין גֶערֶעכְט, זוּךְ נִישְׁט אוֹיסְצוּפִירְן, זוּךְ נָאר אֵיין זַאךְ - עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צֶערִיסְן פוּן דִיר, גֶעבּ פַּאר דַיינֶע קִינְדֶער אַ גֶעזוּנְטֶע זֶעל. בֵּייג זִיךְ אַרָאפּ, בֵּייג אַיין דִי גַּאֲוָה, "גָּחִין וְתִלְחוֹשׁ לָהּ" - זָאגְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בָּבָא מְצִיעָא נט:), בֵּייג זִיךְ אַרָאפּ צוּ אִיר - וֶועט זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ.

דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְהֶער נִישְׁט דַיינֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט״ו כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ גֵיין אִין מִקְוֶה; אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער, אוּן אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט נִישְׁט אַזוֹי מַקְפִּיד דוּרְכְן וָואךְ צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג - זָאלְסְטוּ שַׁבָּת זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין אוֹיף מִקְוֶה.

שַׁבָּת זָאלְסְטוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת. אֵיינְמָאל פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "הַאַתָּה שָׂמֵחַ בְּשַׁבָּת", בִּיסְט פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת? הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֶוער אַסַאךְ מָאל זֵייעֶר עֶרְנְסְט", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "לֹא כָּךְ הוּא, הָעִקָּר הוּא שִׂמְחָה", שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ. דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן יז): "צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת", שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן גוּטְמוּטִיג, "כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד", וַוייל שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן זֵייעֶר טַייעֶר, עַיֵּין שָׁם.

פַארְהֶער נִישְׁט דַיינֶע קִינְדֶער; קֶענְסְט אִיבֶּער גֵיין דִי לִימוּדִים וָואס זֵיי לֶערְנֶען אִין חֵדֶר, קֶענְסְט מִיט זֵיי שְׁמוּעֶסְן, קֶענְסְט זֵיי הֶעלְפְן פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען - אָבֶּער נִישְׁט זִיךְ אַוֶועק זֶעצְן עַל דַּעַת פַארְהֶערְן, אוּן זֵיי כַאפְּן אוֹיב זֵיי קֶענֶען אָדֶער נִישְׁט; אַזוֹי אִיז יָצָא שְׂכָרוֹ בְּהֶפְסֵדוֹ, אִיז שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...